בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת
יום ב' | פ' כי תצא | ו' אלול | תשע"א | פסחים: ע"ב

# באריכט:

## הילולת מרן הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע בצל הקודש

נעכטן פארנאכטס איז – ווי געמאלדן – מרן רבינו שליט"א אנגעקומען אויף מאנסי, ווי דער רבי שליט"א האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה אינעם היכל הפאליש שע"י בית מדרשינו הגדול והחדש אין מאנסי, און באלד נאך מנחה איז דער רבי שליט"א ערשינען אין נייעם היכל התורה צום מעמד קבלת פנים מיט די ילדי תשב"ר פון קהלתינו הק' וועלכע האבן מקבל פנים געווען דעם רבי'ן שליט"א מיט געזאנג.

ביים קבלת פנים האט אויפגעטרעטן הגה"צ רב דקהלתינו מאנסי שליט"א וועלכער האט מקדם געווען מרן רבינו שליט"א בברכה און ארויסגעברענגט פאר די חשובע קינדער די געוואלדיגע זכי' וואס מיר האבן אז דער רבי שליט"א איז געקומען בתוכינו.

דערנאך האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש פאר די קינדער און מעורר געווען אויף אהבת חברים, נאכזאגנדיג דעם רמז ו'ישאלו א'יש ל'רעהו ל'שלום איז ראשי תיבות אלו"ל, און דער רבי שליט"א האט דערמאנט די ווערטער פון עין יעקב אז אויב האט מען עבירות שבין אדם לחבירו איז דער אייבערשטער נישט מוחל אויך אויף די עבירות שבין אדם למקום.

נאך די דברות קודש זענען די קינדער אדורך געגאנגען שלום נעמען פון רבי'ן שליט"א און דער רבי שליט"א האט זיי געגעבן לעיקער.

דאן איז דער רבי שליט"א אריין אין חדרו הפרטי ווי דער רבי שליט"א האט געזעגענט דעם ציבור אנ"ש תושבי מאנסי לקראת ימי הרחמים והרצון פאר בערך צוויי שעה, און דערנאך האט דער רבי שליט"א געצינדן ליכט לרגל די הילולא קדישא פון זקינו מרן הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע און געדאווענט מעריב פאר'ן עמוד.

באלד נאך מעריב איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום שלחן הטהור אין היכל הביהמ"ד ווי דער רבי שליט"א האט זיך געוואשן צו די סעודה.

דוירכאויס די סעודה איז געזינגען געווארן מערערע ניגוני התעוררות, און מיט מכתם לדוד האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ מ'לאנצוט שליט"א פון מאנסי.

ביי די דברות קודש האט דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די ווערטער פון בעל הילולא אין פ' שופטים ווי ער טייטשט אויס דעם פסוק כי יפלא ממך דבר למשפט וכו', און דער רבי שליט"א האט אויסגעטייטשט קודם בדרך דרוש בענין כמות ואיכות, דערנאך האט דער רבי מעורר געווען בענין תפלה, מען זאל בעטן איינער פארן צווייטן און מתפלל זיין פאר אלעם גוטן.

מיט ברכת המזון האט מרן רבינו שליט"א מכבד געווען הגה"צ רב דקהלתינו שליט"א וועלכער איז אויך אן אייניקל פונעם בעל הילולא זי"ע.

נאכ'ן טיש האט דער רבי שליט"א ממשיך געווען אויפצונעמען אנ"ש בקודש פנימה פאר א לענגערע צייט.

◆

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה קטנה קרית יואל – חלק ב' בהנהלת הר"ר חיים לייב זילבערשטיין שליט"א לכבוד די הילולא קדישא פון מרן הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע.

דער רבי שליט"א איז אנגעקומען אין ישיבה ווען די בחורים האבן געהאלטן אינמיטן סדר הלימוד בעפאר'ן דאווענען און דער רבי שליט"א האט זיך אומגעקוקט צווישן די בחורים און זיי פארהערט אין זייערע לימודים.

דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר הערשל כהנא הי"ו פון בארא פארק, הב' בן מוה"ר יקותיאל יוסף ניימאן הי"ו פון קרית יואל, און הב' בן מוה"ר מיכל פעלדמאן הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים לרגל די הילולא ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש.

◆

בביהמ"ד בית ברוך אין קרית יואל איז נעכטן נאכט נאך מעריב פאהרגעקומען א מסיבת לחיים לרגל די הילולא, ווי הגה"צ ר' יואל שליט"א בן מרן רבינו שליט"א רב הביהמ"ד האט אויפגעטרעטן. די לחיים איז צוגעשטעלט געווארן דורך מוה"ר שלמה יעקב ב"ר משה חיים בערקאוויטש הי"ו, נכד בעל הילולא.

***-זכותו יגן עלינו-***

◆

## דינער השנתי פאר מוסדותינו הק' – מוסדות יטב לב אין ירושלים עיה"ק

נעכטן נאכט איז אין ירושלים פארגעקומען דער יערליכער דינער לטובת מוסדותינו הקדושים אין ירושלים עיה"ק אינאיינעם מיט'ן סעודת הילולא צום יארצייט פון רביה"ק בעל ייטב לב זי"ע.

דער מעמד איז ווי יאהר יערליך פארגעקומען אין זאל עטרת שלום ווי א רייכע סעודת הילולא איז סערווירט געווארן.

פון 8:30 ביינאכט האט זיך אנגעהויבן די שטראם פון אנשי שלומינו תושבי עיה"ק ירושלים צום דינער מחזק זיין די מוסדות ע"ש דער בעל ההילולא זי"ע, און אום 9:00 איז פארגעקומען דער זמן גורל אויף $1000 קעש.

צום ערשט האט אויפגעטרעטן דער ענערגישער מנהל המוסדות מוה"ר ישכר בצלאל יאקאב הי"ו וועלכער האט אראפגעגעבן פאר'ן ציבור שיחיו א

רעפאראט מיט די אלע דיטאלען פון די מוסדות און די שווערע יאך וואס ליגט אויף די הנהלת המוסדות.

דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א דורך א לייוו הוק-אפ, (זעהט בייגעלייט די דברות קודש).

אלס נואם הכבוד האט אויפגעטרעטן האדמו"ר מטעמעשוואר ב"ב שליט"א וועלכער האט ארום גרעדט א לאנגע צייט איבער די זכי' צום שטיצן אזעלעכע מוסדות.

דאן האט מיט'ן משא המעמד אויפגעטראטן הגה"צ דער דיין שליט"א וואס האט א לענגערע צייט ארום גערעדט איבער דעם אז דאס איז די ערשטע מוסד וואס איז נתייסד געווארן דורך רבינו בעל דברי יואל זי"ע און ווערט געפירט עד היום מיט אלע תקנות והדרכות און אז מרן רבינו שליט"א האלט זיך און איין נאכפרעגן אויפן מצב אין די מוסדות.

די הנהלת המוסדות איז שטארק דאנקבאר פאר'ן ציבור משתתפים וועלכע האבן זיך אנגעשטרענגט מיט שיינע סכומים ביים היי יעריגן מגבית וועלכעס האט ערמעגליכט פאר די הנהלת המוסדות אויסצוצאהלן נאך א גאנץ חודש געהאלט פאר די כלי קודש.

***-אלקא דמאיר יעננו-***

࿐•࿐

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.